## דער רבי ביי סנדקאות אין וואלאסק

**די** באבע ע"ה פלעגט דערציילן מיט התרגשות וואָס זי האָט נאָך גוט געדענקט, ווי איינמאל איז מרן רביה"ק מסאַטמאַר זי"ע געקומען צו זיי קיין וואלאסק[11] אויף א סנדקאות ביי א זוהן פון ר' אהרן מיוזקאפף ע"ה[12], וואס איז פארגעקומען ביי זיי אין שטוב, האט זי דערציילט ווי זי געדענק נאך ווי מ'האָט מיט התרגשות זיך געגרייט מקבל פנים צו זיין דעם רבי'ן, מ'האָט געקאָכט און געבאַקן לכבוד די שמחה, אין וועלכן זי האָט גענומען אן אַקטיוון טייל. אַזוי האָט זי יונגערהייט זוכה געווען צו זען צורת קדשו פון רבי'ן זי"ע, וואס איז איר שטענדיג געבליבן איינגעקריצט אין זכרון למשמרת.

**ביי** יענע ברית סעודה, האט דער באבע ווייטער געשילדערט אירע זכרונות, איז געקומען ביי דער ברית סעודה א געוויסע צובראכענע פרוי פון דער שטעטל וואס האט נאכנישט געהאט זוכה געווען צו קיין זש"ק, די פרוי האט זייער געוויינט, אבער מען האט איר צום ערשט נישט געוואלט צולאזן צום רבי'ן. ווען דער רבי האט אבער געהערט וואס דא טוט זיך, האט ער תיכף געהייסן אז מען צולאזן די פרוי וואס איז נעבעך אזוי צובראכן איבער איר ביטערע מצב, דער רבי האט איר זייער ווארעם אנגעווינטשן, און צום יאר איז זי טאקע געהאלפן געווארן מיט א געזונט קינד מברכתו של אותו צדיק.

**די** באבע האט פארענדיגט אז די פרוי וואס איז דאן געהאלפן געווארן האט נאך אנגעיאגט ארויסצוקומען קיין אמעריקא הארט פארן קריג, אזוי אז עס איז געבליבן פון איר שיינע דורות ישרים ווייטער.

11. עס איז געווען נאכדעם וואס דער רבי זי"ע האט פארוויילט אין דער דערנעבענדיגער שטאט אורשיווא דעם שבת בשעת בעפאר ווען ער האט שוין געדינט אלץ רב אין דער שטאט סאטמאר, און דער רבי איז אריבערגעקומען צום ברית אין וואלאסק מיט א קאר פון איינס פון די חסידים פונעם רבי'ן וועלכער האט אריבערגעבערענגט דעם רבי'ן צום ברית.

12. א ברודער מיטן זיידן ר' יוסף פנחס ז"ל, נאכן קריג האט ער געוואוינט אין שיקאגאו.

## דעם רבינ'ס קמיע

**נאך** א מעשה האט דער באבע דערציילט פון א קמיע וואס דער רבי האט געגעבן פאר איר ברודער חיים בער מיוזקאפף ע"ה, ומעשה שהיה כך היה:

**איר** ברודער הב' חיים בער ע"ה איז אמאל זייענדיג צוועלף יאר אלט זייער נישט געזונט געווארן ל"ע, איר דער זיידע ר' יוסף פנחס אריין מיט אים צום רבי'ן און ער האט שטארק איינגעריסן פאר א ישועה, דער רבי האט יעדן ארויסגעשיקט פונעם צימער, און ער האט אפגעשריבן א קמיע און עס אהינגעגעבן פארן חולה.

**די** באבע לאה שינדל ע"ה האט דאס געלאזט אריינניייען אין א לעדערנע בייטל אז עס זאל נישט נאס ווערן, און חיים בער האט דאס טאקע קיינמאל נישט אויסגעטון. וויבאלד די מקורבים פונעם רבי'ן האבן אים שטארק אנגעזאגט אז דעם רבי'נס קמיע'ס קענען פארשווינדן ווערן, האט ער גאר שטארק אכטונג געגעבן דערויף, און אפי' ווען ער איז געגאנגען אין מקוה האט ער דאס אויך מיטגענומען מיט זיך.

**ווען** ער איז עלטער געווארן איז ער געגאנגען לערנען אין די ישיבה אין באניאד. אין איינע פון די טעג האט ער באמערקט אז די קמיע איז נישט דא. איז ער שנעל צוריקגעגאנגען קיין סאטמאר און ער איז אריין צום רבי'ן, האט אים דער רבי גלייך געפרעגט: "דו שפירסט זיך שוין גוט?", האט ער געזאגט יא, האט אים דער רבי דאן געזאגט: "נו, דארפסטו דאס דאך מער נישט האבן".

## פזר נתן לאביונים

**דער** זיידע ר' יוסף פנחס האט פאר פרנסה אנגעפירט מיט דער קרעטשמע אין וואלאסק, א שטייגער ווי א פארצייטישע און גאסט הויז ווי מענטשן פלעגן זיך אפשטעלן און קויפן עסן א.א.וו. פון וואס ער האט זייער שיין מצליח געווען. און צוגאב צו דעם האט ער אויך געהאט מערערע פעלדער אין וואלאסק וואס א טייל פון זיי איז געווען וואס ער האט באקומען בירושה.

**ער** איז געווען באקאנט אין שטאט פאר א געוואלדיגער בעל חסד, און

ער האט פארטיילט אומזיסט עסענוווארג און פארשידענס פאר ארימע און נויטבאדערפיגע אידן, וואס האבן נישט געהאט צו באצאלן.

**ר'** יוסף פנחס האט איינגעשפאנט די גאנצע משפחה אנטייל צו נעמען אין זיינע פארצווייגטע מעשי הצדקה וחסד, און אויך די באבע אלטא פרומט ע"ה איז געווען א פרעמינענטער טייל דערפון. צווישן אנדערע האט זי געהאט א חזקה צו טראגן מילך יעדן פארטאגס פאר א צובראכענע אלמנה מיט איר פאמיליע וועלכע האט געוואוינט ביים עק פונעם דערפל.

**איז** געווען אמאל ווען עס איז געווען א גרויסע שניי אינדרויסן, און דאס האט שטארק פארשטייטערט די וועג וואס עס האט געווענליך גענומען ארום 20 מינוט. אזוי ארום אז די באבע איז אנגעקומען שפעט אין די שטאטישע שולע ווי אלע קינדערער האבן געמוזט זיין שוין אזוי פרי ווי זיבן אזייגער יעדן אינדערפרי. צוליב איר פארשפעטיגונג איז זי גע'קנס'עט געווארן דורך די נישט אידישע טיטשער צו דארפן שטיין אויף די פוס פאר א לענגער צייט, אן זיך צו קענען אראפזעצן, און דאס אלעס איז געווען נאך אזא פארפרוירענע וועג וואס איז געווען גאר שווער און אויסמוטשענד.




היסטארישער בילד פון די באבע אלץ מיידל אין וואלאסק

## וצדקתו עומדת לעד

**עס** דערציילט אונזער קרוב הרה"ח הישיש ר' חיים הערש שווימער הי"ו פון ב"פ, אז ער געדענק ווי אין די שווערע צייטן איידער דער אויסברוך פונעם צווייטן וועלט קריג (אין יאר 1940 למספרם), ווען מען האט צוגענומען די אידישע געשעפטן פון זייערע אידישע איינגעטומער'ס, האט מען אויך דאן צוגענומען די קרעטשמע פונעם זיידן ר' יוסף פנחס, און ער איז געבליבן אן א פרנסה.

**דעם** זיידנ'ס זוהן הב' חיים בער ע"ה, האט דאן געלערנט אין דער בארימטער ישיבה אין באניאד ביים באניאד'ער רב זצ"ל, האט דער זיידע דאן פארקויפט איינס פון זיינע פעלדער אין וואלאסק, אז ער זאל האבן צו

באצאלן דער שכר לימוד פאר די ישיבה פון זיין זוהן, נאכדעם וואס ער האט שוין נישט געהאט די הכנסה פון די שפעצעריי.

## אשה יראת ה׳

**די** עלטער באבע מרת לאה שינדל ע"ה הי"ד איז געווען אן אשה צדקנית, וואס האט געלעבט איהר לעבן מיט א געוואלדיגע אמונה פשוטה, און אהבת ה׳, וואס דאס איז ווי אריבער געגאנגען צו די קינדער אויף א מייסטערהאפטיגע אופן.

**זי** איז געווען א ריכטיגע פארצייטישע אידענע, וואס איר איינציגסטער שטרעבן אין לעבן איז געווען מגדל צו זיין ערליכע קינדער פארן אויבערשטנס ארמיי, און זי זעלבסט איז פאר זיי געווען דער ריכטיגער מוסטער.

**די** באבע האט געלעבט מיט א געוואלדיגע אמונת צדיקים אין אלע צייטן, עס האט זיך געמאכט אמאל אז איר מאן דער זיידער ר׳ יוסף פנחס איז זייער קראנק געווארן מיט דער שווערער טיפוס מחלה ל"ע, און ער איז געווען אין א געוואלדיגע סכנה, איז די באבע אין איילעניש זיך אריבערגעכאפט קיין מונקאטש צום הייליגן מנחת אלעזר זי"ע צו ווען איר פאטער רבי הערשל ז"ל פלעגט אסאך פארן, און ער האט איר אנגעוואונטשן אז ער זאל האבן א גאנצע רפואה, וברכת צדיק עשתה רושם ער איז געווארן אינגאנצן געזונט, און ער האט זיך פולקאם ערהוילט פון זיין שווערע מצב אין וואס ער האט זיך געפינען.

## קדש את שמך על מקדישי שמך

**דער** זיידע ר׳ יוסף פנחס ז"ל איז אינאיינעם מיט די באבע לאה שינדל ע"ה געגאנגען על קידוש ה׳ ביי דער צווייטער וועלט מלחמה צוזאמען מיט די קדושי וואלאסק ביום כ"ד אייר תש"ד לפ"ק, ווי זיי האבן אויך מקריב געווען זייערע פיר טייערע קרבנות, זייערע לעכטיגע קינדער: חיים דוב, חיה ריזל, רבקה, און אסתר ע"ה הי"ד, אויף וועמען מיר בעטן ביי השי"ת די תפלה



א טראנספארט פון אידן אנקומענדיג קיין אושוויץ ה"י

פון "אבינו מלכינו נקום נקמת דם עבדיך השפוך", ארץ ארץ אל תכסי את דמם.

**די** באבע אלטא פרומט ע"ה פלעגט דערציילן אַז ווען מ'האָט זיי אוועק געפירט קיין אוישוויץ, האָט איר פאָטער ר' יוסף פנחס אָנגעזאָגט פאר די קינדער: "ענק זאָלן געדענקן פון וועמען עטץ שטאמטס". און אט דאס איז געווען דאס וואס האט איר געהאלטן אזוי שטארק במשך די שווערסטע זמנים.

# ענף ב'

## דער זיידע הגה"ח
## רבי צבי הכהן כהנא (בעקאוויטש) ז"ל
## און די באבע מרת עטיא ע"ה הי"ד

**די** מוטער פון אונזער באבע מרת אלטא פרומט ע"ה איז געווען די עלטער באבע מרת לאה שינדל ע"ה[13], זי איז געווען א טאָכטער פון איר פאטער הגה"ח רבי צבי הכהן כהנא ז"ל פון טשערני-פאטיק, וועמען מ'האָט גערופן ר' הערשל טשערני-פאטיקער, און פון איר מוטער די באבע מרת עטיא ע"ה[14].



הויפט אריינגאנג צו דער שטעטעלע טשערני-פאטיק


דער אידישער בית עלמין אין טשערני-פאטיק

**דער** זיידע רבי הערשל הכהן

13. אשת הרה"ח ר' יוסף פנחס מויזקאפף ז"ל, וועלכע זענען דערמאנט געווארן פריער אין ענף א'.
14. די באבע עטיא ע"ה איז געווען א טאכטער פון הרה"ח ר' מנחם יצחק (ב"ר משה) מויזקאפף


ביים עק פונעם דערפל ליקאווא

ז"ל איז געווען א זוהן פון הרה"ח ר' חיים מרדכי הכהן כהנא (בערקאוויטש) ז"ל, און זיין מוטער איז געווען די באבע מרת פרומט ע"ה, נאך וועם אונזער באבע האט געטראגן דעם שיינעם נאמען[15].

## רעות שבעה נפשי

**ארגינעל** האט דער זיידע רבי הערשל געוואוינט אין גאליציע אינאיינעם מיט זיינע עלטערן, אבער ווען די צרות האבן זיך אנגעהויבן דארט, זענען זיי אנטלאפן מיט זייער גאנצער האב און גוטס, און זי זענען דאן אנגעקומען צו דער שטעטעלע ליקאווא, וואס געפינט זיך נעבן אורשיווא, און זיי האבן זיך דעמאלטס געטוישט זייער לעצטער נאמען צו "בערקאוויטש" אז מ'זאל נישט וויסן ווער זיי זענען, און מ'זאל זיי נישט קענען כאפן, אזוי ווי אסאך אנדערע אידן אין יענע תקופה. דער זיידע ר' חיים מרדכי האט דארט אויסגעלעבט די יארן אינאיינעם מיט די באבע מרת פרומט ע"ה, און


דער בית עלמין אין דער שטאט ליקאווא

ז"ל, און פון איר מוטער מרת רחל ע"ה.

15. זעה שפעטער די געשיכטע וועגן דער צוגעלייגטער נאמען "אלטא".

לאחר פטירתם זענען זיי געבראַנגט געוואָרן למנוחה אויפן אָרטיגן בית החיים אין ליקאַווא.

**זיין** פאָטער ר' חיים מרדכי האט זיך מסדר געווען דאָרט אין ליקאַווא, בעת ווען זיין זוהן דער זיידע ר' הערשל איז אַנגעקומען שפּעטער צום ישוב געוויץ ווי ער איז אויפגענומען געוואָרן אלץ דער דיין, שוחט, און מוהל, וואס מען האט גערופן דער "ש"ץ מ"ץ", זייענדיג א גרויסער תלמיד חכם ויודע ספר.



דער בית עלמין אין דער שטאָט געוויץ

## במקום גדולתו שם אתה מוצא ענוותונתו

**א** גאַר אינטערעסאַנטער אנעקדאָט ווערט דערציילט איבער דאָס דינען אלץ ש"ץ מ"ץ פונעם זיידן רבי הערשל דאָרט אין געוויץ, וואס דאָס ברענגט מורא'דיג אַרויס דאָס געוואַלדיגער גדלות פון אים, ווי פאלגענד:

**איינמאל** איז געקומען צו אים אן אָרימע פרוי מיט א שאלה אויף א הינדל, נאכן מעיין זיין אין די שאלה האט זיך אַרויסגעשטעלט אז ס'איז טריפה. דער זיידע האט אבער נישט געהאט דאָס האַרץ צו פסק'נען אזוי ווייל ער האט געוויסט אז דאס איז דאָס לעצט פאַרבליבענע הינדל פון די צובראָכענע אלמנה, האט ער דאן געזאָגט: "כשר'ן קען איך עס נישט ווייל עס איז דאָך נישט כשר, אסר'ן וויל איך דאָס אויך נישט ווייל איך האב נישט דאָס האַרץ דערצו", האט ער דעמאָלט מחליט געווען אז ער געבט אויף זיין פאסטן פון צו זיין דער ש"ץ מ"ץ.

**שפעטער** איז ער אריבער וואוינען קיין טשערני-פאטיק ווי זיין שווער הרה"ח ר' מנחם יצחק מיוזקאפף ז"ל האט געוואוינט, און ווי שוין געשריבן איז ער פון דאן געווען באקאנט אלץ ר' הערשל טשערני-פאטיקער.

**אין** א שפעטערע תקופה, ווען דער אידישער געמיינדע אין פאטיק איז געווארן אויסגעליידיגט אין ס'איז שוין נישט געבליבן קיין מנין אין שטעטל, האט זיך דעער זיידע דאן אריבערגעצויגן אינאיינעם מיט די משפחה צו דער דערנעבענדיגער שטאט אורשיווא, וואס דאס איז שוין יא געווען א גרעסערע און מער אהערגעשטעלטע שטאט.

**אין** אורשיווא האט דער זיידע געעפענט א שפייז קראם, אין וואס דער באבע עטיא ע"ה איז א גאנצן טאג געשטאנען און באדינט די קונדן, אז דער זיידע זאל קענען עוסק זיין על התורה ועל העבודה מיט א רואיגן געוויסן.

## משכמו ולמעלה גבוה

**דער** זיידע רבי הערשל איז געווען גאר א געהויבענער חסידישער איד, א תלמיד חכם וועלכער איז א גאַנצן טאָג געזעסן און געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדת התורה, ער איז געווען מיושבי אוהל און ער האט אַריינגעלייגט פיל תורה און יראת שמים אין די בחורים וואָס האָבן געלערנט אין ביהמ"ד אין אורשיווא.

**באזונדער** איז ער געווען א געוואלדיגער בעל חסד, און ער פלעגט כסדר אריינגעמען ביי זיך אין שטוב פילע געסט, און אויך אזאלכע וועלכע האבן נישט געטראפן קיין אכסניא ביי א צווייטן צוליב זייער נאכגעלאזטן שטאנד, ווי מענטשן מיט לייז וכדומה, האט ער אויך אריינגענומען צו זיך אין שטוב מיטן גרעסטן מאס סבר פנים יפות, אזוי האט ער מקיים געווען דער "ויהיו עניים בני ביתך" מיטן גרעסטן הידור.

**ער** האט געלעבט מיט א געוואלדיגע הערצה און התבטלות צו יעדען עובד ה' און צו אלע צדיקי הדורות בימיו, דער "את ה' אלוקיך תירא לרבות תלמידי חכמים" איז ממש געווען א חלק פון זיין מהות.

# בצל צדיקי דורו

**ר'** הערשל פלעגט כסדר פארן צו צדיקי דורו להסתופף בצלם, באזונדער האָט ער זיך מסתופף געווען בצלו פון הרה"ק מופת הדור רבי מרדכי מנאַדבורנא זי"ע, ווען יאָרן נאָכאַנאַנד איז ער געפאָרן אויף ראש השנה צו זיין ביים הייליגן רבי ר' מרדכי'לע זי"ע, און די משפחה איז אנגענומען אז 23 מאל איז געווען אלעס אינאיינעם וואס ער איז געווען ביי רבי ר' מרדכי'לע.



ומרדכי יושב בשער המלך: די מצבה פון הרה"ק רבי מרדכי מנודבורנא זצ"ל

**ער** איז אויך אַסאַך געפאָרן צו די צדיקי בית קאָמאַרנא און זידיטשוב, און אזוי אויך פלעגט ער גיין צו הרה"ק בעל חקל יצחק פון ספינקא זי"ע הי"ד, און צו הרה"ק בעל מנחת אלעזר זצ"ל פון מונקאטש. אין די שפעטערע יאָרן האָט ער אַסאַך זיך מסתופף געווען בצלו פון מרן רביה"ק מסאַטמאַר זי"ע.



היטארישער בילד פון הרה"ק בעל מנחת אלעזר זצ"ל (רעכטס) אינאיינעם מיט הרה"ק חקל יצחק מספינקא זצ"ל הי"ד (לינקס)



הרה"ק מסאטמאר זי"ע גייענדיג אויף דער גאס אין דער שטאט סאטמאר

## אריכת ימים ושנים

**א** מערקווערדיגער עפיזאד האט דער באבע אלטא פרומט אליינס דערציילט, וואס עס האט זיך אפגעשפילט מיט איר ווען זי איז געווען א מיידל פון ארום זעכצן יאָר אַלט[16], און איז זי דאן ל"ע שטאַרק נישט געזונט געוואָרן מיט א געוויסע שווערע קראנקהייט. איר טאַטע ר' יוסף פנחס איז געפארן קיין סעליש זיך איינהאנדלען "אנטיביאטיק" וואס איז דארט געווען צו באקומען, כדי איר צו העלפן קעמפן דער קרענק ל"ע.

**למעשה** האט דער זיידע רבי הערשל זיך דאן געפינען ביי זיי אין שטוב, און דער מצב האט אנגעהויבן ווערן ערגער און ערגער, ביז ס איז שוין ממש געווען א שטערבליכער סכנה, האט דער זיידע איר אויפן ארט איר דאַן צוגעגעבן דעם נאָמען "אַלטא" עס זאָל זיין לסימנא טבא לאריכת ימים ושנים, ושמא קגרים, די סגולה האט געטון די ריכטיגע פעולה, דער באשעפער האט געהאלפן אז עס איז קורצליך דערנאך אנטשטאנען א פארבעסערונג אינעם מצב, און זי האָט טאַקע זוכה געווען צו זיין אַלט"ע באַבע, זייענדיג זוכה צו א שיבה טובה מתוך אריכת ימים ושנים בבריות גופא ונהורא מעליא.

**בכלל** האט די באבע גוט געדענקט איר זיידן ר' הערשל, זי האט זיך אלס קינד אסאך געדרייעט ביי אים אין שטוב, און זי פלעגט אַסאַך צו דערציילן פון זיין יראת שמים און ערליכקייט. צווישן אַנדערן פלעגט האט זי דערציילט, אַז ווען איר זיידע איז געקומען צו זיי קיין וואלאסק, איז ער

16. ארום אין יאר ת"ש לפ"ק.

אַלץ געגאַנגען צופיס דעם לאַנגען וועג, ווי איידער צו פאָרן מיט די באַן, כדי נישט נכשל צו ווערן ח"ו מיט קיין ראיות אסורות אויף די באַן.

## אשת חיל מי ימצא

**די** באבע מרת עטיא ע"ה איז געשטאנען לימין בעלה אלע יארן מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, און זי האט אים ערמעגליכט אנצוגיין מיט זיין עבודת הקודש פון דינען דעם באשעפער אויף אזא דערהויבענעם פארנעם, און ווי חז"ל זאגן אונז (ברכות יז.) "נשים במאי זכיין באקרויי בנייהו לבי כנישתא ובאתנויי גברייהו בי רבנן ונטרין לגברייהו עד דאתו מבי רבנן", אז די נשים צדקניות זענען זוכה אין דעם זכות וואס זיי האבן ווען זיי טראגן די קינדער צום לערנען און זיי ווארטן אפ זייערע מענער ביים אהיימקומען פון ביהמ"ד.

**אינאיינעם** האבן זיי אויפגעבויעט א שיינער שטוב, א בית מלא ברכת ה',



די טרויריג בארימטע סעלעקציע ביים הויפט אריינגאנג צום אושוויצער גיהנום

זייער קינדער זענען געווען: רייזל, די באבע לאה שינדל, חיים מרדכי, ליפא, פרומט, פיגא, עליהם השלום.

**די** זיידע רבי הערשל ז"ל איז ליידער אויך אומגעקומען אין אוישוויץ אינאיינעם מיט די באבע עטיא ע"ה, צוזאמען מיט די קדושי וואלאסק אום כ"ד אייר שנת תש"ד לפ"ק, עם שאר קדושי ישראל.

**אין** אט דעם דערהויבענעם שטוב פון אירע חשובע עלטערן איז די באבע ע"ה אויף געוואקסן, ווי זי האט פון איר פריעסטן יוגענד איינגעזאפט אין זיך הויפענעס פון יראת שמים און מידות טובות וואס איז געווען איינגעפעדעמט אין די חשוב'ע משפחה פון דורי דורות, די שטוב איז געווען מלא תוכן, און געבויט אויף פעסטע יסודות, אויף אזוי ווייט אז אפילו די גרעסטע קאשמארן וואס איז אויף איהר שפעטער אריבער, האבן נישט משפיע געווען אויף איהר ארויס צו רייסן די טייערע חינוך וואס זי האט זיך אנגעשעפט אין שטוב פון איהרע עלטערן.

# פרק ב'

# ימי הרס עולם